**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער נייע קאוויד-19 וואקסין און מוטיגט באווארענונג מאסנאמען אזוי ווי קאוויד-19 פעלער שטייגן

***איבערגעארבעטער וואקסין ציהלט אויף קאוויד-19 אמיקראן סאָב-וואריאנטן און איז עפעקטיוו קעגן נייערע סארטן פון דעם ווירוס***

***CDC רעקאמענדירט דעם וואקסין פאר אלע ניו יארקער פון 6 חודשים און עלטער וועלכע האלטן צוויי חודשים נאך דעם לעצטן וואקסין***

***ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט צו באקומען זייער יערליכע פלו שאָט, אין צוגאב צו דעם איבערגעארבעטן קאוויד וואקסין און אזוי אויך צו פרעגן זייער דאקטאר איבער RSV וואקסין***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די CDC'ס באשטעטיגונג לעצטע נאכט פון אן איבערגעארבעטן קאוויד-19 וואקסין, און זי האט געמוטיגט ניו יארקער צו באקומען די איינשפריץ איינמאל עס וועט זיין צו באקומען שפעטער די וואך. די 2023-24 וואקסין – וואס איז שוין פון פריער אויטאריזירט געווארן דורך די פעדעראלע [עסן און דראג אדמיניסטראציע](#) (Food and Drug Administration, FDA) – איז ערווארטעט צו זיין צו באקומען ביי פארמאסיס און ביי דאקטוירים'ס אפיסעס און אזוי אויך אנדערע העלט קעיר פראָוויידערס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט אין די קומענדיגע טעג.

"דער וואקסין איז שטענדיג געווען די בעסטע וועג צו באשיצן זיך אליין און אייער קאמיוניטי קעגן קאוויד-19, און דער איבערגעארבעטער וואקסין איז געמאכט צו ציהלן נייערע סארטן פון דעם ווירוס וואס דרייען זיך יעצט ארום", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר גייען אריין אין דעם הערבסט סעזאן, ווען אטעמען-רער ווירוסן דרייען זיך ארום, איז דאס גאר וויכטיג אז ניו יארקער זאלן נעמען אין באטראכט צו באקומען דעם איבערגעארבעטן וואקסין כדי זיך צו באשיצן פון דעם געפארפולן ווירוס."

דער איבערגעארבעטער וואקסין – וואס איז נויטיג צוליב די אויסוועפנדע אימיוניטי (שוץ) און צוליב וואריאנטן וואס זענען אנדערש – איז אויסגעארבעט און אנטוויקלט געווארן אין לעצטיגע חודשים נאכפאלגנדיג א באשלוס פון די FDA צו ציהלן א סאָב-וואריאנט פון אמיקראן וואס ווערט גערופן XBB.1.5. לויט די CDC זענען מער פון 90% פון די קאוויד ווירוס וואס דרייט זיך יעצט ארום נאענטע 'קרובים' פון די סארט פון דעם ווירוס, און טעסטס ווייזן אז דער איבערגעארבעטער וואקסין איז עפעקטיוו ביים פארשטערקערן די אימיוניטי קעגן נאך א מער לעצטערע וואריאנט וואס רופט זיך BA.2.86.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גייען אריין אין די הערבסט און ווינטער חודשים, און מיר זעהען ווידעראמאל אן אויפשטייג פון קאוויד אריבער די סטעיט, מוטיג איך אלע ניו יארקער צו געדענקען אז קאוויד איז א קראנקהייט וואס קען

באהאנדלט ווערן און אז מיר האבן יעצט אן איבערגעארבעטער וואקסין וואס וועט העלפן פארקלענערן אייערע אויסזיכטן צו ערנסט קראנק ווערן און האספיטאליזירט ווערן. געדענקט: עס רעדט זיך פון פערזענליכע שוץ, פערזענליכע פארמיידונג און פערזענליכע וואוילזיין."

דער איבערגעארבעטער קאוויד-19 וואקסין איז רעקאמענדירט פאר יעדן פון 6 חודשים און עלטער וואס האט נישט באקומען א קאוויד-19 וואקסין אין די פארגאנגענע צוויי חודשים כדי צו באשיצן קעגן פאטענציאל ערנסטע קראנקהייט פון קאוויד-19. רעקאמענדירטע דאזעס ווענדן זיך אויף די עלטער און אויף די געוועזענע קאוויד-19 וואקסין וואס זענען באקומען געווארן:

- קינדער פון 6 חודשים ביז 4 יאר וועלכע באקומען דעם וואקסין צום ערשטן מאל זאלן באקומען צוויי דאזעס פון א Moderna וואקסין אדער דריי דאזעס פון א Pfizer וואקסין.
- קינדער פון 6 חודשים ביז 4 יאר וועלכע זענען שוין וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט זאלן באקומען בלויז איין דאזע פון סיי וועלכע פון די איבערגעארבעטע וואקסינען.
- קינדער פון 5 ביז 11 זענען בארעכטיגט צו באקומען אן איינצלנדע דאזע פון דעם איבערגעארבעטן וואקסין צום ווייניגסטנס 2 חודשים נאך זייער לעצטע דאזע פון סיי וועלכער קאוויד-19 וואקסין, אפגעזעהן פון פאריגע וואקסינאציעס.
- פאר מענטשן פון 12 און עלטער וועלכע זענען שוין וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט איז עס רעקאמענדירט צו באקומען אן איינצלנע דאזע פון דעם איבערגעארבעטן וואקסין, פון Pfizer אדער פון Moderna.
- פאר מענטשן פון 12 און עלטער וועלכע זענען נישט וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט איז עס רעקאמענדירט צו באקומען א סעריע פון צוויי איינשפריצונגען.
- מענטשן וועלכע זענען אינפעקטירט געווארן מיט קאוויד-19 אין די לעצטע צוויי חודשים זאלן רעדן מיט א דאקטאר.

אונטער דעם 'אפאָרדעבעל קעיר אקט' וועלן רוב העלט אינשורענס פלענער דעקן די קאסטן פון קאוויד-19 וואקסינען אן איינמאנען קאָ-פעיס. מענטשן וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער אזעלכע וואס זייער אינשורענס דעקט נישט דעם איבערגעארבעטן וואקסין וועלן קענען באקומען די איינשפריצונגען אומזיסט דורך קאמיוניטי העלט צענטערן; לאקאלע, שבטים'דיגע אדער טעריטאריאלע העלט דעפארטמענטס; און דורך פארמאסיס וועלכע באטייליגן זיך אין דעם HHS 'בריק צוטריט פראגראם' (Bridge Access Program).

מענטשן וועלכע באקומען דעם איבערגעארבעטן קאוויד-19 וואקסין ווערן אויך געמוטיגט צו פרעגן זייער דאקטאר איבער אנדערע וואקסינען, אריינרעכענענדיג פאר די פלוּ און RSV.

מענטשן וועלכע האבן סימפטאמען זאלן זיך טעסטן פאר קאוויד-19, און די וועלכע טעסטן פאזיטיוו זאלן זיך פארבינדן מיט זייער דאקטאר איבער מעגליכע באהאנדלונגען וועלכע זענען געוויזן געווארן צו זיין עפעקטיוו ביים רעדוצירן די אויסזיכטן פון ערנסטע תוצאות. ניו יארקער וועלכע האבן אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם, לונגען אדער הארץ/אדערן פראבלעמען אדער אנדערע אומשטענדן וועלכע שטעלן זיי אין סכנה און אזוי אויך עלטערע מענטשן זענען באזונדערס געמוטיגט צו דורכרעדן קאוויד-19 באהאנדלונגען מיט א העלט קעיר פראפעסיאנאל. מענטשן וועלכע טעסטן פאזיטיוו זאלן זיך אויך פארמיידן פון קומען אין בארירונג מיט אנדערע, אריינרעכענענדיג דורכן בלייבן אינדערהיים און נישט גיין צו די ארבעט, אין סקול און צו אנדערע געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן.

היים קאוויד-19 טעסטס זענען ווייטער דא צו באקומען ביי פילע לאקאלע פארמאסיס אריבער די סטעיט, און ניו יארק זעצט פאר צו צושטעלן N-95 מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט און טעסט קיטס פאר סטעיט און קאונטי בעאמטע אויב זיי פארלאנגען דאס. ניו יארקער זאלן זיך פארבינדען יעדער איינער מיט זייער

קאונטי העלט דעפּארטמענט אדער לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אפיס פאר מער אינפארמאציע. ניו יארקער קענען אויך טרעפן די יעצטיגע קאוויד-19 וואקסין לאקאציעס דא.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו אונטערנעמען שטארקע שריט צו נאכפאלגן און באגרעניצן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19. די שריט קומען נאכדעם וואס די צאל קאוויד-19 האספיטאליזאציעס אין ניו יארק איז געשטיגן דעם זומער און נאכפאלגנדיג דאס וואס BA.2.86 איז אויפגעכאפט געווארן אין ניו יארק סיטי סוער וואסער.

די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט (Department of Health, DOH) און די Wadsworth Center זעצן פאר מיט קריטישע סטראטעגיעס מיטן נאכפאלגן די סוער וואסער און מיט לאבארעטאריע אנאליזן פון קלינישע סעמפלס, דורגעפירט צוזאמען מיט שותפים ביי די סירעקיוס אוניווערסיטעט און אריבער די סטעיט, כדי צו פארשטיין די פארשפרייטונג פון װאריאנטן און די פאטענציאלע השפעה אויף די פובליק געזונטהייט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן